# סצענע 5 ב'
# Escena 5 B

## עצות צו געפֿינען אַ כּלה
## Consejos para encontrar novia

מאָטל - זאָג מיר ציווקע, פֿאַרוואָס איז מײַן אויסזען אַזוי שלעכט ?

ציווקע - שלעכט ? וואָס הייסט שלעכט ??? ממממ... דו ביסט נישט אַזוי הויך...

גיטל - אָבער דו ביסט נישט נידעריק.

ציווקע - דו ביסט נישט דיק.

גיטל - אָבער דו ביסט נישט דאַר.

ציווקע - דו ביסט נישט בלאָנד.

גיטל - אָבער קיין ברונעטער ביסטו אויך נישט.

ציווקע - דו ביסט נישט קיין נאַר.

גיטל - דו ביסט דאָך אַזוי קלוג !!!

ציווקע - און קיין מיאוסער ביסטו נישט.

גיטל - ניין, ניין, נישט קיין מיאוסער. דו ביסט דווקא אַ שיינער בחור.

בערל - ווײַבער, ווײַבער, וואָס עפּעס אַזוי פֿיל רעדן ? לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט. ווי אַזוי וועלן מיר העלפֿן מאָטלען געפֿינען אַ כּלה ?

ציווקע - ערשטנס, טאַטע, דאַרף מען אים לערנען טאַנצן.

אַלע - טאַנצן ?

מאָטל - וואָס מיינסטו טאַנצן, ציווקע. ביסט אַראָפּ פֿון זינען !!!

ציווקע - ניין, איך בין נישט "קוקו" ... איך בין נישט אַראָפּ פֿון זינען. איך וויל אַז מײַן ברודער זאָל קריגן אַ כּלה.

בערל - און דו מיינסט אַז טאַנצנדיק וועט ער קריגן אַ כּלה ?

ציווקע - אפֿשר יאָ, אפֿשר ניין... אָבער טאַנצן וועט ער זיך לערנען: ער וועט פֿאַרלירן אַ פּאָר קילאָ, ער וועט זיך אויסלערנען ווי אַזוי זיך צו באַוועגן... און אַזוי אויף אַ יום-טוב, אָדער אין אַ "דיסקאָ", וועט ער זיך באַקענען מיט מיידלעך.

| | |
|---|---|
| גיטל - | אוי, טאַנצן איז טאַקע זייער וויכטיק. דו ביסט גערעכט. |
| בערל - | אַ קלוגע טאָכטער האָב איך. |
| גיטל - | ציווקעלע, לאָמיר נעמען דייַן ברודער אין אַ טאַנץ - אַקאַדעמיע. דאָס וועט זייַן זייַן ערשטער טריט צו געפֿינען אַ כּלה און חתונה האָבן. |
| בערל - | און מיר קענען זיך דערמאָנען אָן אונדזערע גוטע צייַטן !!! |

## וואָקאַבולאַר Vocabulario

| יידיש | Fonética | Español |
|---|---|---|
| זאָג מיר | zog mir | dime |
| שלעכט | shlejt | mal |
| הויך | hoij | alto |
| אָבער | ober | pero |
| נידעריק | niderik | bajo de estatura |
| דיק | dik | gordo |
| דאַר | dar | flaco |
| בלאָנד | blond | rubio |
| ברונעטער | bruneter | castaño |
| נאַר | nar | tonto |
| קלוג | klug | inteligente |
| מיאוסער | mieser | feo |
| דווקא | davke | precisamente |
| שיינער | sheiner | guapo, hermoso |
| ווייַבער | vaiber | señoras |